Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | הײנט 10 זײַטען

# נײַער פאָלקסבלאַט

№ 5 | Łódź, Czwartek 5 stycznia 1933 r. | עלפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דאָנערשטאַג, ו' טבת תרצ"ג | № 5

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאַווער 21, טעל. 224-71

# די שיף „אַטלאַנטיק" ברענט

## דערווייל איז אונמעגליך צו לעשען די גרויסע פראַנצויזישע שיף

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.) הײנט האַלב 5 אַ זייגער פאַרטאָג איז אויף אַ שטח פון 20 ים־מייל פון דעם אינזעל גערנזעי, נישט ווייט פון די נאָרמאַנדישע ברעגען — אויסגעבראָכען אַ שׂרפה אויף דער גרויסער פראַנצויזישער שיף „אַטלאַנטיק".

די שׂרפה איז ענטשטאַנען מחמת אַ קורץ־שלוס".

די שיף איז געשוואומען קיין האַוור, וואו זי האָט געזאָלט רעפּאַרירט ווערען.

די דייטשע שיף „רוהרע" האָט אַרויסגענומען צו זיך 80 מאַן פון דער ברענענדער שיף.

פּאַריז, 4 (ספּ. טעל.) די ערשטע ראַדיאָ־דעפּעשע איז אָנגעקומען קיין האַוור 6 אינדערפריה און די האָט געגעבען צו וויסען, אַז די שׂרפה פערשפּרייט זיך בעוואַלדיג און די מאַנשאַפט בעט הילף.

נאָך אַ 2־שעה'דיגען קאַמף מיט'ן פייער האָט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו פערלאָזען זי, און אַ טייל פון דער מאַנשאַפט איז אַרויסגענומען געוואָרען אויף דער דייטשער שיף „רוהרע".

נאָכ'ן בעקומען די ידיעה וועגען דער שׂרפה, האָט דער פּרעפעקט פון שערבורג אַרויסגעשיקט אַ קריגס־שיף און קלענערע שיפלעך מיט לעש־מכשירים.

די „אַטלאַנטיק" איז פון אַלע זייטען אַרומגעכאַפּט מיט די פלאַמען, און געטריבען פון'ם שטראָם, דערנעהנטערט זי זיך צום, ברעג אַלס אַ ברענענדיגער שטורקאַץ.

אַלע בעמיהונגען צו ראַטעווען די שיף האָבען נישט געגעבען קיין שום רעזולטאַטען.

אינ'ם פּאָרט שערבורג וואַרטען אַ גרויסע מאַסען מענשען אויף דעם אָנקומען פון די קאַטאַסטראָפע־געליטענע.

די האָלענדישע שיף „אַבילעס" האָט אַרויס־געשיקט אַ דעפּעשע, אַז זי פיהרט מיט זיך 80 געראַטעוועטע, וואָס צווישען די זיינען פאַראַן אַ סך פערוואונדעטע און אָפּגעברי'הטע.

דער הידראָפּלאַן, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון שערבורג, האָט זיך נישט געקאָנט דער־נעהענטערען צו דער ברענענדע' שיף, מחמת דער מורא'דיגער היץ, וואָס עס שלאָגט פון איהר.

פינף אַעראָפּלאַנען זיינען אַרויסגעפלויגען צו דער רעטונגס־אַקציע.

אין אָוונד זיינען געקומען צופליהען הידראָפּלאַנען מיט אַ ראַפּאָרט וועגען דער סיטואַציע.

אינ'ם ראַפּאָרט ווערט געזאָגט, אַז די שיף ליגט אויף אַ זייט, און קנאַלען רויך און פלאַמע דערלויבען גאָרנישט צו זעהן, וואָס עס טוט זיך אויף איהר.

אַ סך רעטונגס־שיפען ריגלען זי אַרום פון אַלע זייטען, אָבער זיי קענען צו איהר נישט צוקומען, צוליב דער העלישער היץ, וואָס עס שלאָגט פון איהר.

לעת עתה קאָן מען זי נישט אָנהויבען לעשען.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואלטונגס-מיטגליד ה' שלמה טייטעל מיט זיין פאַמיליע צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין

טאכטער נ"ע

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים. די פערוואַלטונג פון פעראיין „לינת-משמרים", ושעלאווא 26 5720

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 66 יאָהר מיין ליבער מאַן, אונזער ליבער פאָטער, שוויגערפאָטער, גרויספאָטער און אָנקעל

נ"ע

משה יואל בן זאב ז"ל יאַשונסקי

די לויה קומט פאָר הײנט, דאָנערשטאַג, ו' לחודש טבת, 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער־הויז פּיעטריקאָווער 9, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די אין טיפען טרויער הינטערבליבענע

זאַל פילהאַרמאָניע

נאַרוטאָוויטשאַ 20

דינסטאַג, דעם 10 יאַנואַר 1933, 9 אַ זייגער אָוונט

גרויסער דיסקוסיע־אָוונט איבער'ן פאַמיליען־לעבען

א. נ.

דער צווישן מאַן און פרוי

ווער איז גערעכט?

עס וועלן רעפערירן די בעריהמטע יודישע שריפטשטעלער:

יואל מאַסטבוים

מלך ראַוויטש

אהרן צייטלין

טעזעז:

1) דער ריטער, דער הערשער און דער דאָן-זשואַן; 2) די „פרייע ליבע" פון דער פּרינצעסין און די ליבע פון דער איינפאַכער פרוי; 3) ווי זעהט אויס די פאַמיליע היינט און ווי אַזוי איז דער וואונש, אַז זי זאָל אויסזעהען? 4) וואָס זאָגט דער דאָקטאָר צו די היינטיגע פערהעלטנישען צווישען מאַן און פרוי? אויף דער גרענין פון געשלעכטס-פּראָבלעם און סאָציאַלען פּראָבלעם. — די בעוועגונג פאַר געשלעכטס-רעפאָרם אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. — פרוי, געזעלשאַפט און קומענדיגער וועלט-קריג. — פרויען-פראַגע, יודען-פראַגע, אַרבייטער-פראַגע. — פאַר און נעגען די מאָדערנע טענדענצען פון פאַמיליען-לעבען. — די אייביגע צוויי און זייער בּינקשאַפט צום דריטען. — די סעקונדאַנטען פון דעם דועל און די דועלאַנטען; 5) עמאַנסיפּאַציע; 6) צי איז מעגליך אַ אמת'ע פערשטענדיגונג צווישען מאַן און פרוי? שלוס-וואָרט.

